בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

236

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן מִיר מְחַזֵק זַיין צוּ זָאגְן תְּהִלִים.............................א

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט
אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּב.......................................................ב

מֵיין אִיךְ עֶס טַאקֶע אֱמֶת׳דִיג אַז אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.......ה

מֶעג מֶען קוּקְן אוֹיף אַ שְׁוֶועגֶערִין?...........................................ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר .....................א

לָאז אָפּ וַויין אוּן בְּרוֹינְפְן ..............................................................א

דִי שִׁידוּכִים וָואס וֶוערְן אוֹיס בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ ...ג

אַז מֶען וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט
נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים.......................................................ד

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי גֶערֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶעס דַארְף שְׁטִימֶען....ה

הֶער אוֹיף זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן ......................ו

דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, מַאךְ עֶס אִינְטֶערֶעסַאנְט ...ח

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר׳ן דֶרֵייוְון דִי שָׁאטְל אִין שְׁטֶעטְל.........................י

אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה...............י

מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד ........................יא

זִיבְּעצִיג יָאר גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער ........................ יג

אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּעטְסט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער ........................ יג

שְׁרַייבּ אוֹיס יֶעדֶע קִינְדְ'ס נָאמֶען הוֹיךְ מִיט אַ גוּט מָארְגְן ........................ יד

אִיךְ וִויל מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ קוֹבֵעַ
זַיין צוּ לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס ........................ טו

אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער, נֶעם זֵיי פַּאר דַיינֶע הֶעלְפֶערְס ........................ טז

בְּרֶענְג אַרַיין אַ שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער ........................ טז

מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִין אֱמוּנָה ........................ יז

מֶען מַאכְט קִינְדֶער פַּאר פְּרָאבְּלֶעמֶען, צוּ מַאכְן גֶעלְט דֶערוֹיף ........................ יז

הֶעלְף מִיר מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אִין חֵדֶר ........................ יט

מִיר זוּכְן מְלַמְדִים וָואס טוֹיגְן צוּ קִינְדֶער, נִישְׁט צוּ דִי עֶלְטֶערְן ........................ יט

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים ........................ כ

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס ........................ כא

זִיכֶער מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט פַּארְשֶׁעמְט וֶוערְן ........................ כב

אֵינוֹ דוֹמֶה אַ סֵפֶר אָן מַפְתְּחוֹת צוּ אַ סֵפֶר מִיט מַפְתְּחוֹת ........................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מְחַזֵק זַיין צוּ זָאגְן תְּהִלִּים

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אִיךְ וֶועל אַזוֹי פְרֵייליךְ וֶוען אִיךְ קוּם נָאכְמַאמָאל יֶעדְן צוּפְרִי אִין סְקוּל, דָא אִיז מַיין בֶּעסְטֶע פְּלַאץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל עֵצוֹת, אַסַאךְ מָאל הֶער אִיךְ עֶס בַּיינַאכְט אִין בֶּעט.

אִיךְ הָאב גֶעעֶנְדִיגְט דִי זֶעקְס אוּן אַכְצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. יְיַשֶׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְ'ן מִיר מְחַזֵק זַיין צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**

**דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט לִיבּ סְקוּל, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוערְט אִיר פְרֵייליךְ צוּ קֶענֶען קוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אִין סְקוּל.

אַ מְחַיֶ' צוּ הֶערְן אַזַא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, אַז אִיר זָאגְט אַזוֹיפִיל תְּהִלִּים; אִיר הָאט יֶעצְט מְסַיֵים גֶעוֶועוְן דִי זֶעקְס אִין אַכְצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. אִיךְ וֶועל אַזוֹי פְרֵייליךְ וֶוען אִיךְ הֶער אַז דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא זָאגְן תְּהִלִּים.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ

וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ. עֶס אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט דִי עֵצָה, אַלֶעס אִיז אַנְדֶערְשׁ, אַלֶעס אִיז גְרִינְגֶער, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס רֶעדְן אֵיידְל אוּן פִירְן זִיךְ אֵיידְל, חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ נוּמֶער 1; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע; אִיר הָאט זֵייעֶר חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן, זַייט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטוּבּ

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס אִיךְ בַּאקוּם טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט יֶעצְט דִי זֶעקְסְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְדִיג אִיךְ דִי וָואךְ מַסֶכֶת גִיטִין פוּן יְרוּשַׁלְמִי. מַיין זוּן וָואס אִיז זֶעקְס יָאר אַלְט הָאט גֶעעֶנְדִיגְט יֶעצְט מִשְׁנָיוֹת מַסֶכֶת פֵּאָה.

מָארְגְן פָאר אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן, צוּ מַאכְן חַאלַאקֶע פַאר מַיין דְרֵיי יֶערִיג אִינְגְל.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים.

נָאךְ אַ זאךְ, מַיינֶע צְווֵיי טֶעכְטֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַסאךְ מָאל תְּהִלִּים. דִי נַיין יֶערִיגֶע הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים אִיבֶּער צְוָואנְצִיג מָאל, זִי זֶעט אַלְץ אִין "אִישׁ אֱמוּנוֹת" ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט בְּרִיוו פַאר תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגֶא וָואס הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, אוּן זִי ווִיל אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אִיר אוֹיךְ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, זִי הָאט פּוּנְקְט לֶעצְטְנְס גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו אַז מֶען קֶען זַיין אַ תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגֶא אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דָארְט, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו מִיט חִיזוּק.

אוֹיךְ דִי יוּנְגֶערֶע זִיבְּן יֶערִיגֶע הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דְרֵיי מָאל תְּהִלִּים בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ אַז אֶפְשָׁר שְׁרַייבּ אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער אִיךְ בַּאקוּם פָּשׁוּט עֶנְטְפֶערְס אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁאֵלוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען טָאג טֶעגְלִיךְ, אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע בְּרִיוו, אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע נִיגוּנִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת.

אוּן נָאכְאַמָאל אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ אוּנְז אַהֵיים.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ז כִּסְלֵיו, ג׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיף וָואס דִיר קוֹדֶם צוּ וואוּנְטְשְׁן "מַזָּל טוֹב!" אוֹיף דַיין סִיּוּם מִשְׁנָיוֹת, אוֹיף דִי אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, אָדֶער גָאר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַארְ'ן עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק... דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַז אִיר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט צאמֶנְעמֶען, אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי קַטְנוּת אוּן טוּן לְמַעֲשֶׂה - עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אַז אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת אוּן אִיר וֶועט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אָן קַיין חָכְמוֹת - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין, עֶס וֶועט זַיין אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקֶל פַאר גַאנְץ בְּנֵי בְּרַק.

בַּיי אוּנְז אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעעֶפְנְט דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב; אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען גֶעצֵיילְטֶע אִינְגֶעלַייט פַּאר שַׁלָשׁ סְעוּדוֹת, אוּן פוּן דֶעם אִיז זִיךְ צוּאַוואקְסְן אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה מִיט מוֹסְדוֹת.

הַאלְט קָאפּ אוֹיף דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת: עֶס זָאל נָאר זַיין שָׁלוֹם, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צְווישְׁן אַייךְ בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. מֶען זָאל רֶעדְן פוּן דִי דְרֵיי נְקוּדוֹת: לֶערְנֶען תּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים נ, א): "'אֵל אֱלֹקִים ה' דִּבֶּר', כִּי אֵלּוּ שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הֵם מְקוֹר הָאֱמֶת, וְעַל יָדָם מֵאִיר הָאֱמֶת בְּהַדִּבּוּר", דִי דְרֵיי שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער אֱמֶת, אוּן אַז מֶען רֶעדְט פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן - אִיז מֶען בַּיים אֱמֶת. ווי דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט דָארְט אוֹיס בַּאֲרִיכוּת, 'אֵל' אִיז דֶער שֵׁם פוּן תְּפִלָּה, 'אֱלֹקִים' אִיז דֶער שֵׁם פוּן תּוֹרָה, אוּן ה' אִיז דֶער שֵׁם פוּן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת; דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען יְסוֹדוֹת בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן אוּן הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין טָאכְטֶער.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

... תְּחִיֶ'

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט יֶעצְט דִי צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים. יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיר זֶענְט אַ רִיכְטִיגֶע בֵּית פֵּיגֶא תַּלְמִידָה, מֶען דַארְף נִישְׁט לֶערְנֶען אִין דִי פִיר וֶוענְט פוּן בֵּית פֵּיגֶא צוּ זַיין אַ תַּלְמִידָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי לִימוּדִים פוּן בֵּית פֵּיגֶא אִיז מֶען אַ תַּלְמִידָה.

בֶּעטְס אַייעֶר טַאטֶע עֶר זָאל אַייךְ נֶעמֶען פוּן צַייט צוּ צַייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, דָארְט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג) בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק אִיז מֶען זוֹכֶה אַז עֶס וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אַלֶע תְּפִילוֹת.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## מֵיין אִיךְ עֶס טַאקֶע אֱמֶת׳דִיג אַז אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ", טְרַאכְט אִיךְ: 'וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ וִויל טַאקֶע זַיין עֶרְלִיךְ? אֶפְשָׁר זָאג אִיךְ עֶס נָאר וַוייל עֶס אִיז דִי סְטַייל דָאס צוּ זָאגְן, נָאר וַוייל אִיךְ הֶער עֶס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים?'

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם טְרַאכְט אִיךְ אוֹיךְ וֶוען אִיךְ זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין גוּט, טְרַאכְט אִיךְ דֶעמָאלְט אַז דָאס אִיז אַ פְרוּמֶע זַאךְ, אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אַזוֹי פְרוּם, עֶס אִיז סְתַּם נַארִישׁ אוּן קִינְדֶערִישׁ.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאגְ וַוייטֶער פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, וַוייל דָאס ווִילְסְטוּ טַאקֶע, אוּן יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין גוּט, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייְדְט אוּן פַארְטוּמְלְט אַזוֹי דֶעם מֶענְטְשׁ - אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט שׁוֹין אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל; מֶען מֵיינְט מֶען ווִיל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת ווִיל דֶער אִיד אֵיין זַאךְ, זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה – זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּנֶעם שָׂטָן אוּן אָפְּלָאזְן חַס וְשָׁלוֹם דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה. דֶער שָׂטָן צִיטֶערְט פוּן אֵיין זַאךְ, עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר אוֹיס, עֶר וֶוערְט כְּלֹא, וֶוען דֶער אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין גוּט; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַּאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל פּוֹגֵם גֶעוֶועןְ? הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת"**; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַפָּאר אֱמֶתְ׳עֶ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים. דֶערִיבֶּער אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְמַאכְט אוּן פַארְקְלֶעבְּט דִי מוֹיל מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער.

עֶס אִיז אֱמֶת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אַז דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער וַוייל דוּ הֶערְסְט דָאס בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, זֵייעֶר גוּט; זָאלְסְט וַוייטֶער צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה – וֶועסְטוּ דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט וֶועלְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען קוּקְן אוֹיף אַ שְׁוֶועגֶערִין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אָנְצוּהוֹיבְּן מַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ מוּז שְׁרַייבְּן.

אִיךְ לֶערְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי בֶּעסְטֶע חֲסִידִי'שֶׁע יְשִׁיבוֹת, אִין מַיינֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן אִין

יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גְעוֶוען אַ גוּטֶער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גְעוָואלְט זַיין גוּט אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ טַאקֶע גֶעפִּירְט וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט נִישְׁט מְוַותֵּר גְעוֶוען אוֹיף מִיר, אוּן לֵיידֶער וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה בִּין אִיךְ אֵיינְמָאל אַרַיינְגְעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן אַ חֲסִידִי'שְׁן אִיד, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ בִּין אַרַיין דָארְט אִין זַיין אָפִיס אוּן דָארְט אוֹיף זַיין קָאמְפְּיוּטֶער הָאבּ אִיךְ גְעזֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע בִּילְדֶער, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן אִין מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלֶעשְׁן.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיצְן בַּיי אִים אִין אָפִיס פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, פַארְבְּרֶענְט מַיין נְשָׁמָה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אִיךְ בִּין גֶעזִינְקֶען טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. טִיף אִין הַארְץ הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן פַארְוָואס אִיךְ טוּ דָאס, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּרַייסְן דֶערְפוּן. גְלַייכְצֵייטִיג, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ גֶעהֶעריגֶער יְשִׁיבָה בָּחוּר מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַלֶע הַשָּׂגוֹת אִין חֲסִידוּת.

אִין בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזָא שְׁלֶעכְטֶער מַצָּב אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוְויסְט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, צוּבִּיסְלֶעךְ אִיז מַיין מֹחַ גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁטָאפְּט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, טְרָאץ מַיין גוּט קֶעפְּל. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶּער פַארְמַאכְט מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶס אִיז מִיר נִישְׁט בַּייגֶעפַאלְן צוּ גֵיין זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אֵיינֶעם דֶערְוֶועגְן, צוּ גֵיין בֶּעטְן הִילְף, אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם אִין יְשִׁיבָה אִיבֶּער מַיין מַצָּב, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיבּ וָואלְט אֵיינֶער פוּן דִי מַשְׁגִּיחִים אִין יְשִׁיבָה גְעוואוּיר גֶעוָוארְן וָואס אִיךְ טוּ, וָואלְט אִיךְ גֶעפְלוֹיגְן פוּן דָארְט אִין דִי זֶעלְבֶּע סֶעקוּנְדֶע.

אִין מַיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ קְלֵיינֶעם סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּרַייסְן, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט פַאר פִּילֶע לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אוּן גֶעקוּקְט דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט זַאכְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאבּ אִיךְ זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל מִיךְ זֶען כְּסֵדֶר אִין יְשִׁיבָה, אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין מִיט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס.

פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּין אִיךְ גְעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְזִינְקֶען אִין דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן עֲבֵירוֹת, אַז פוּן יֶענֶע פָּאר יָאר גֶעדֶענְק אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גְעוֶוען דֶעמָאלְט,

מוֹעֲדִים וּזְמַנִּים, פַארְשִׁידֶענֶע גֶעשֶׁעֶנִישְׁן, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט. אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיךְ הָאבּ נָאר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג אוּן זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע, דָאס אִיז מִיר גֶעלִיגְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִי בְּלוּט פוּן מַיין טַאטֶע, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֵייגְן תְּפִלִּין, נִישְׁט צוּ זַיין אַ 'קַרְקַפְתָּא דְּלָא מָנַח תְּפִילִין'.

אֵיין טָאג אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אִיבֶּערְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ שֶׁעצוּנְג אִין הַארְץ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע פְּעוּלּוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט דֶעמָאלְט פוּן מַיין שְׁלָאף, אִיךְ בִּין וַוייטֶער גֶעלִיגְן אִין אַלֶע בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, כָּאטְשׁ וָואס קֵיינֶער אַרוּם מִיר הָאט נִישְׁט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן מִיט יֶעדְן, אִיךְ הָאבּ אַ גוּטְן זִכָּרוֹן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַלֶע פַארְהֶערְן אוּן בְּחִינוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, כָּאטְשׁ וָואס צְוֵויי מִינוּט נָאכְדֶעם אִיז מִיר אַלֶעס אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן קָאפּ, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן.

אֵיין נַאכְט, נָאךְ אַסַאךְ שָׁעוֹת קוּקְן אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלַן, אִיז מִיר פְּלוּצְלִינְג אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אַ "חִיזּוּק יוֹמִי" פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דֶער קֶעפְּל הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט "נִישְׁטָא קַיין בְּרֵירָה, מֶען מוּז רֶעדְן וֶועגְן דֶעם", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס הָאט מִיר דֶעמָאלְט בַּאטְרָאפְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחְמָנוּת הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַ מַתְּנַת חִנָּם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעדְרוּקְט אוֹיף דֶעם, אוּן דַאן הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט מַיין טִיר צוּם גַן עֵדֶן! אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם חִיזּוּק יוֹמִי, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן נָאךְ פוּן דִי סָארְט "חִיזּוּק יוֹמִי", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאךְ אוּן נָאךְ פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי אַן אַטָאם בָּאמְבֶּע פַאר מַיין מֹחַ, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אוּן גֶעהֶערְט בִּיז וֶוען דִי בֶּעטֶערִי אִיז אוֹיסְגֶעלָאפְן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז דִי בֶּאטֶערִי וֶוערְט שְׁוַואכֶער.

אִיךְ הָאבּ פַארְמַאכְט דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זוּכְן אַ מִנְיָן מַעֲרִיב. דִי מֹחַ הָאט זִיךְ מִיר גֶעדְרֵייט אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן

דאַוֶוענֶען מַעֲרִיב וָוארְט בַּיי וָוארְט, נָאךְ גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאב בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדאַוֶוענְט, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, פָּשׁוּט וַוייל אִיךְ בִּין שׁוֹין לַאנְג גֶעוֶוען אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאב אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין סִידוּר נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאב אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי סִים קַארְטְל פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן עֶס צֶעבְּרָאכְן, אוּן דַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן אַ לַאנְגֶע תְּקוּפָה פוּן קוֹיפְן סִים קַארְטְלֶעךְ אוּן עֶס צֶעבְּרֶעכְן. אִיךְ בִּין וַוייטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ 'אוֹר וְחוֹשֶׁךְ מִשְׁתַּמְּשִׁים בְּעִרְבּוּבְיָא', אוֹיסְגֶעמִישְׁט גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינְמָאל.

צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן רֶעדְן צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר אוּן מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי טִיפֶע בְּלָאטֶע אוּן טוּמְאָה אִין וָואס אִיךְ לִיג, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף מִיר.

אִיךְ קֶען שְׁרַייבְּן אַ גַאנְצֶער בּוּךְ פוּן אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ ווִיל אָבֶּער נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין אַזוֹי סַאךְ. נָאךְ אַ לַאנְגֶע תְּקוּפָה הָאב אִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְן דאַוֶוענֶען ווִי אַ אִיד דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְן צוּרִיק לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְן מִיט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ גְמָרָא, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, נַ"ךְ, זוֹהַר, אוּן נָאךְ פִילֶע שִׁיעוּרִים, צוּבִּיסְלֶעךְ הָאב אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי מַיין מֹחַ הוֹיבְּט זִיךְ אָן עֶרְוֶועקְן, אִיךְ קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְן פַארְשְׁטֵיין אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְן גֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן מַיין שְׁוֶוערֶע אוּן לַאנְגֶע רֵייזֶע, דִי שְׁוֶוערֶע בֶּערְג אוּן טָאלְן אוֹיף וָואס אִיךְ הָאב גֶעקְלֶעטֶערְט פַאר אַזוֹי לַאנְג, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווייסְט יָא אוּן זֶעט אַלֶעס, אוּן עֶר הָאט זִיכֶער אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן.

מַיינֶע הֶענְט צִיטֶערְן בַּיים שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו, מַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן יֶעצְט טְרֶערְן, אִיךְ ווִישׁ זִיךְ דִי אוֹיגְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פָּשׁוּט אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זֶען וָואס אִיךְ שְׁרַייב. הַיינְט קֶען אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, אִיךְ הָאב גֶעעֶנְדִיגְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ רִיר נִישְׁט אָן קַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א, אִיךְ לֵיין דִי "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" און אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע טוּמְאָה, מַיין הַארְץ קְלַאפְּט יֶעצְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעלָאפְן עֶטְלִיכֶע מַייל, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט רוֹישִׁיגֶע גֶעפִילְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין שְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאסְן: "טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט! מִיר הָאבְּן אַ טַאטֶע וָואס הָאט אוּנְז לִיבּ! עֶס אִיז קֵיינְמָאל צוּ שְׁפֶּעט! עֶס אִיז קֵיינְמָאל עֶק וֶועלְט! מֶען קֶען אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן!" אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֵויינֶען פוּן הִתְרַגְשׁוּת.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, און סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אִין פָּארֶעם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִיה צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו פַאר פִיר סִיבּוֹת; צוּם עֶרְשְׁט פָּשׁוּט צוּ זָאגְן: "אַ גְרוֹיסְן יִשַׁר כֹּחַ", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז בִּכְלָל דָא דִי וֶוערְטֶער צוּ קֶענֶען אוֹיסְדְרוּקְן דִי דַאנְקְבַּארְקֵייט וָואס מַיין הַארְץ ווִיל אַרוֹיסְשְׁרֵייעֶן, יִשַׁר כֹּחַ יִשַׁר כֹּחַ יִשַׁר כֹּחַ! און נָאכְאַמָאל יִשַׁר כֹּחַ!

צְוֵוייטְנְס, וִויל אִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל וִויסְן וִוי וַוייט זַיינֶע כֹּחוֹת גֵייעֶן, אִיךְ בִּין זִיכֶער נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער און אוֹיךְ נִישְׁט דֶער לֶעצְטֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין אֵיין רִינְגֶעלֶע אִין דִי לַאנְגֶע קֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

דְרִיטְנְס, וִוי וַוייט מֶען דַארְף אָנְוָוארֶענֶען בָּחוּרִים זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן אַרַיינְכַאפְּן אִין נֶעץ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט כַאפְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶער זֶעט אוֹיס וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיבּ מֶען קֶען יֶענֶעם נִישְׁט טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אִים און זִיכֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין זַיין אָפִיס. לֵיידֶער הָאט זִיךְ מַיין נְפִילָה אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן, און דָאס הָאט פַארְבְּרֶענְט אַסַאךְ יָארְן פוּן מַיין לֶעבְּן, און אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאךְ מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת און טְרֶערְן צוּ פַארֶרעכְטְן דִי שָׁאדְן וָואס דָאס הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף מַיין נְשָׁמָה. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין חִינוּךְ אוֹיף דֶעם, אֶפְשַׁר וֶוען אִיךְ וָואלְט מֶער גֶעהֶערְט וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט, אָדֶער וָואלְט אִיךְ כָאטְשׁ גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן און פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן.

די פֶּערְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס אִיז צוּ פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַרוֹיסְצוּאַווייזְן מַיין הַכָּרַת הַטּוֹב, כָאטְשׁ אֵיין פִּינְטֶעלֶע, אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר? און וָואס קֶען אִיךְ טוּן זִיךְ אָנְצוּהַאלְטְן שְׁטַארְק אִין דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ און קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָא?

אַגַב וויל אִיךְ פְרֶעגְן אִיךְ פְרֶעגְן אַן הֲלָכָה שְׁאֵלָה, אוֹיבּ מֶען מֶעג קוּקְן אוֹיף אַ שְׁוֶועגֶערִין; אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ אַז מֶען מֶעג, עֶס אִיז אַזוֹי וְוִי בַּיי אַ מַאמֶע אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר מַיין לֶעבְּן בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְשְׁט יֶעצְט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ עֶפֶענֶען דַיין בְּרִיוו און דָאס לֵיינֶען.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, הָאסְט מִיר אַזוֹי מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען; אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן ׳דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דַארְף חִיזּוּק? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דָאךְ יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק?!׳ אָבֶּער אַסַאךְ מָאל בִּין אִיךְ אַזוֹי מְסוּפָּק אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער רֶעדְן דִי דְרָשׁוֹת אָדֶער אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן, זָאל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אָדֶער אָפְּלָאזְן דָאס שְׁרַייבְּן; יֶעצְט לֵיין אִיךְ דַיין בְּרִיוו בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים בִּיסְטוּ אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית און גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בְּנוֹגֵעַ קוּקְן אוֹיף אַ שְׁוֶועגֶערִין וְכוּ׳; אַ שְׁוֶועגֶערִין אִיז נִישְׁט אַזוֹי וְוִי אַ מַאמֶע און אַ שְׁוֶועסְטֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם בַּיי אַ שְׁוֶועגֶערִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ לֵיין אַלֶע אַייעֶרֶע בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ לֵיינֶען אַייעֶרֶע בְּרִיוו, שְׁרַייבְּט נָאךְ.

זַייט שְׁטַארְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר.

...

**לָאז אָפּ וַויין אוּן בְּרוֹינְפְּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם טְרִינְק; דַיין זֵיידֶע זָאגְט מִיר עֶר זֶעט בַּיי דִיר פְלֶעשֶׁער בְּרוֹינְפְּן, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט, אָבֶּער אִיךְ זָאג יָא וֶוער עֶס הָאט מִיר גֶעזָאגְט, וַוייל אִיךְ וִויל דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי מַחֲלָה הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואס אִיז דַיין פְּלַאן? בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁטֵייסְטוּ אִין שִׁידוּכִים, דוּ וִוילְסְט אַוַודַאי חֲתוּנָה הָאבְּן, נוּ וָואס טְרַאכְסְטוּ? וֶוער זָאל וֶועלְן אַ שִׁיכּוֹר פַאר אַ מַאן? אִיךְ וֶועל דַארְפְן זוּכְן פַאר דִיר אַ כַּלָה וָואס טְרִינְקְט אוֹיךְ.

אִיךְ הַאלְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וִויל נָאר דַיין גוּטְס,

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר: "לָאז אָפּ וַויין אוּן בְּרוֹינְפְּן, אֲפִילוּ בִּיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרִינְקֶען!"

לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כו - וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן שִׁכְּרוּת, אוּן זָאג דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן כג).

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי פְּסוּקִים אִין סֵפֶר מִשְׁלֵי, דִי מוּסָר רֵייד פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ'ס מַאמֶע, וְוי זִי זָאגְט (מִשְׁלֵי לא, ד-ז): "אַל לַמְלָכִים לְמוֹאֵל", עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר קֶענִיגְן וָואס זֶענֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ אַזוֹי צוּ פִירְן, "אַל לַמְלָכִים שְׁתוֹ יָיִן", עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר קֶענִיגְן צוּ טְרִינְקֶען וַויין, "וּלְרוֹזְנִים אֵי שֵׁכָר", פַאר גְרוֹיסֶע הֶערְשֶׁער אִיז נִישְׁט גוּט אַלְטֶע וַויין, "פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק", וֶוען מֶען טְרִינְקְט - קֶען מֶען פַארְגֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וְכוּ', "תְּנוּ שֵׁכָר לְאוֹבֵד", וַויין אִיז גוּט פַאר רְשָׁעִים וָואס גֵייעֶן סַיי וְוי וֶוערְן אוֹיס, זֵיי וֶוערְן פַארְלוֹירְן, "וְיַיִן לְמָרֵי נָפֶשׁ", וַויין אִיז גוּט פַאר דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, "יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח רִישׁוֹ", דוּרְכְן טְרִינְקֶען פַארְגֶעסְן זֵיי זֵייעֶר אָרֶעמְקֵייט, "וַעֲמָלוֹ לֹא יִזְכָּר עוֹד", זֵיי גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט זֵייעֶר פְּלָאג, אָבֶּער דוּ טְרִינְק נִישְׁט.

קוּק דִי פְּסוּקִים אִין מִשְׁלֵי סוֹף קַאפִּיטְל כג: "לְמִי אוֹי לְמִי אֲבוֹי", אוֹיף וֶועם אִיז אַ קְלָאג? "לְמִי מִדְיָנִים", וֶוער קְרִיגְט זִיךְ? "לְמִי שִׂיחַ", וֶוער רֶעדְט אַסַאךְ? "לְמִי פְּצָעִים חִנָּם", וֶוער כַאפְּט קְלֶעפּ? "לְמִי חַכְלִלוּת עֵינָיִם", וֶוער הָאט רוֹיטֶע אוֹיגְן? שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ פְרֶעגְט דִי פְרַאגֶעס, אוּן עֶנְטְפֶערְט: "לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן", פַאר דִי וָואס טְרִינְקֶען וַויין, "לַבָּאִים לַחְקֹר מִמְסָךְ", פַאר דִי וָואס קוּמֶען פָארְשְׁן וְוי אַזוֹי מֶען מַאכְט שְׁטַארְקֶע וַויין, גוּטֶע וַויין.

לֶערְן דִי אַלֶע פְּסוּקִים פוּן מִשְׁלֵי אוּן זָאג דִי תְּפִלָּה, וַוייל אִיךְ צִיטֶער וָואס וֶועט זַיין דַיין סוֹף.

אִיךְ וִויל דִיר הֶעלְפְן, אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי בְּרִיווּ.

...

## דִי שִׁידוּכִים וָואס וֶוערְן אוֹיס בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מִיט וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה): אַ מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה שִׁידוּכִים, אוּן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט בְּלוֹיז אָן - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען זִיךְ טְרֶעפְן, עֶס וֶוערְט אַ שִׁידוּךְ אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס אוֹיס שִׁידוּךְ, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְן אוּן מֶען גֶט זִיךְ - אוֹיךְ צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל סָמוּךְ וְנִרְאֶה צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמַאר, גֵיי אַרוֹיף יֶעדְן טָאג פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן זָאג אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, בֶּעט דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ זַיינֶע תְּפִילוֹת.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל זַיין דַיין שַׁדְכָן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ וִויל זַיין דַיין שַׁדְכָן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר פְּרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר זָאל טוּן פַאר פַּרְנָסָה, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְן גֶעטוּן אִין שִׁידוּכִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פט) דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן; אִיךְ וֶועל טוּן פַאר דִיר.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## אַז מֶען וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר שְׁרַייבְּט: "אִיךְ קוּק מִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ זֶע וִוי מָרַת ... אוּן ... אוּן... אוּן אַלֶע הָאבְּן אַזַא אֱמוּנַת צַדִיקִים, יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְן זֵיי דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן אֵייבִּיג לִיסְטֶעס מִיט זַאכְן צוּ פְרֶעגְן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ פְרֶעגְן. וִוי אַזוֹי וֵוייסְן זֵיי וָואס צוּ פְרֶעגְן? מִיר פַאלְט נִישְׁט אַיין אֲפִילוּ וָואס צוּ פְרֶעגְן, אָבֶער אִיךְ פְרֵיי זִיךְ וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט, אַז וֶוער עֶס לֵיינְט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף וִויסְן".

וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן אַנְדֶערֶע, וֶוערְט נִישְׁט מְבוּלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע; אַז מֶען וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת - מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים. עֶס זֶענֶען דָא וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער אָן חִינוּךְ, זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער פְרֶעגְן זֵיי יֶעדֶע זַאךְ; אַנְדֶערֶע וָואס קוּמֶען פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער, אַזוֹי וִוי אַייךְ, וָואס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ - וֵוייסְט אִיר אַלֵיינְס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר הָאט וֵוייניגֶער אֱמוּנַת חֲכָמִים; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ רִיר אִין לֶעבְּן, זֵיי הֵייבְּן יֶעצְט אָן זֵייעֶר לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער פְרֶעגְן זֵיי יֶעדֶע זַאךְ.

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע, אִיר זֶענְט מֶער פוּן זֵיי; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, מַאכְט נִישְׁט נָאךְ אַנְדֶערֶע, ווִילְט נִישְׁט זַיין וִוי אַנְדֶערֶע, ווִילְט נָאר אֵיין זַאךְ - טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֶערְנְט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, לֶערְנְט דָאס אַפָּאר מָאל; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַרַיין צוּ בְּלִיקְן שַׁבָּת אִין דֶעם, אַ גַאנְצֶע וָואךְ זָאלְט אִיר לֶעבְּן מִיט דִי בְּרִיוו. וֶוען אִיר זֶעט תְּפִילוֹת אִין דִי בְּרִיוו - זָאלְט אִיר דָאס מִיט זָאגְן אוֹיפְ'ן

קוֹל, און וֶוען איר זֶעט אִין דִי בְּרִיוו מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן קוֹל.

וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוו וֵוייסְט שׁוֹין אַלֵיינְס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי גֶערֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶעס דַארְף שְׁטִימֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ז כִּסְלֵיו, ג׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן; עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר הֶעלְפְט אַייךְ, עֶר אִיז אַייךְ גֶעטְרֵיי; עֶס אִיז דָא עֶסְן אִין שְׁטוּב, עֶר בְּרֶענְגְט אַהֵיים פַּרְנָסָה.

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן וֶועגְן לֵיל שִׁישִׁי וְכוּ׳; מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאכְט אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת. אֲפִילוּ אַייעֶר מַאן שְׁלָאפְט - זַייט קְלוּג, זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט. אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי גֶערֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶעס דַארְף שְׁטִימֶען, זַאכְן וָואס דֶער טַאטֶע דַארְף טוּן - קֶען דִי מַאמֶע נִישְׁט טוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳. אַז אַייעֶר מַאן וִויל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן שַׁבָּת, עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער - זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם קַיין אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אוֹיבּ דֶער טַאטֶע וִויל אַבִּיסְל שְׁלָאפְן שַׁבָּת; אוֹיבּ אִיר ווִילְט לֶערְנֶען מִיט זֵיי - קֶענְט אִיר לֶערְנֶען מִיט זֵיי, און אַז מֶען וֶועט נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער - וֶועט אוֹיךְ גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר לֶעבְּן; אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיינְס: "מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר, סַיי פַאר מִיר און סַיי פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה; אַלֶע וֵוייסְן אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס גֵייט מֶען צוּ מַיין מַאן און אַלֶעס וֶוערְט

מְסוּדָר"; נוּ וָואס נָאךְ דַארְפְט אִיר, אִיר זֶענְט דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְט אִיר נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער; אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען לֵייגְן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ זַיין אֵיידְל אוּן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערֶע, בַּיי דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז מֶען גֵיין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג. אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַ פַּאטְשׁ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג בַּיי דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס הָאט מִיר נָאר גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן.

נֶעמְט דִי תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי תְּפִילּוֹת פוּן עֶלְטֶערְן פַאר קִינְדֶער.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## הֶער אוֹיף זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוֹיס פוּן רֶעדְן מִיט דִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. ווִיפִיל אִיךְ רֶעד מִיט דִיר פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת - וַוארְפְסְטוּ עֶס צוּרִיק אִין פָּנִים, אַ שָׁאד פַאר מַיין צַייט אוּן כֹּחַ.

אִיךְ זֶע מַמָּשׁ מִיט מַיינֶע אוֹיגְן דֶעם דִיבּוּר וָואס רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן נָאךְ מֶער צָרוֹת, עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ בַּאקְלָאגְן, אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען אֵיינֶער דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל, מִיר וֶועלְן אִים גֶעבְּן נָאכְמֶער גוּטְס, עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶער וֶועג, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן, אַנְדֶערֶע וָואלְטְן זִיךְ גֶעווּינְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא

שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט; דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ; וָואס פֶּעלְט דִיר? אַנְשְׁטָאט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן: "עֶס אִיז מִיר גוּט", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיר", - טוּסְטוּ קְרֶעכְצְן טָאג אוּן נַאכְט. וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט דִיר פַּאל אִיךְ אַלֵיינְס אַרַיין אִין עַצְבוּת, דֶערִיבֶּער רֶעד אִיךְ נִישְׁט מִיט דִיר.

זַיי מִיר מוֹחֵל; אָדֶער, אַז דוּ בִּיסְט מַחְלִיט צוּ טוֹישְׁן דַיין וֶועג פוּן טְרַאכְטְן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ וַוייטֶער רֶעדְן מִיט דִיר.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אוּן בֶּעט נָאר אוֹיף דִי אֵיינֶע זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ; נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר; אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דָאס גוּטְס - בִּיסְטוּ, אוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס - בִּיסְטוּ; נִישְׁטָא קַיין גוּטְס, נִישְׁטָא קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיין.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַכֵּנִי לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וָואס קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי נֶעגֶעטִיוו; אִיךְ זֶע נָאר שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ קְרֶעכְצְן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, רַחֵם עָלַי בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל".

אוֹיף זָאג קַאפִּיטְל כט: "מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַיְיָ בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַיְיָ כָּבוֹד וָעֹז: הָבוּ לַיְיָ כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַיְיָ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ: קוֹל יְיָ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים יְיָ עַל מַיִם רַבִּים: קוֹל יְיָ בַּכֹּחַ קוֹל יְיָ בֶּהָדָר: קוֹל יְיָ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְיָ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן: וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים: קוֹל יְיָ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ: קוֹל יְיָ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל יְיָ מִדְבַּר קָדֵשׁ: קוֹל יְיָ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד: יְיָ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב יְיָ מֶלֶךְ לְעוֹלָם:

**יְיָ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְיָ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם"; דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן אַ לֶעכְט לִזְכוּת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אוּן גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

לָאז מִיר וִויסְן וָואס פַּאר אַ וֶועג דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען; דִי וֶועג פוּן זָאגְן אוּן זִינְגֶען: "עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער", אָדֶער דִי וֶועג פוּן זָאגְן אוּן זִינְגֶען: "כִּי טוֹב ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ מִיר!"

אִיךְ הָאבּ לִיבּ גֶעהַאט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, אִיךְ פְּלֶעג זִיצְן מִיט דִיר שָׁעוֹת, אִיךְ פְּלֶעג שְׁפַּאצִירְן מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר" - מַאכְט עֶס אַזוֹי גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער פוּן וֶוען דוּ זִינְגְסְט: "עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער" - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן דִי וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג; בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פַאר דִיר, ווַייל אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ; אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר.

...

## דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, מַאךְ עֶס אִינְטֶערֶעסַאנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

לְעֵת עַתָּה הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין מְנַהֵל אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין שְׁטֶעטְל, "וּבְמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ" (אָבוֹת ב, ה), בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה.

דוּ בִּיסְט אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד פַאר דַיין כִּתָּה בִּפְרָטִיּוּת, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן

זָאלְסְט זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אוֹיף אַלֶע כִּיתּוֹת בִּכְלָלִיּוּת.

דֶער מֶענִידְזְשֶׁער הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁפַּאנֶען דִי קִינְדֶער מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן, אִים גְרִינְגֶער מַאכְן.

עֶר זָאגְט מִיר אַז הַיינְט הָאט אַ קִינְד גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטֵיין אוּן אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַ פֶענְסְטֶער פוּן דִי בָּאס; אִיךְ וֵויים אַז דִי קִינְדֶער אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען - גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע ווִילְדֶע קִינְדֶער; דָאךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט. אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען ווִילְד, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשָׁאסְן פֶענְסְטֶערְס, בִּיז מֶען הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט אוּן מִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

נֶעם צַאם דִי קִינְדֶער בַּיי לָאנְטְשׁ אוּן בַּיי פְּרִישְׁטָאג, דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת. מַאךְ עֶס אִינְטֶערֶעסַאנְט, מַאךְ עֶס לַאכֶעדִיג - עֶס זָאל זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער (וְדַעַת לְנָבוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן סְתַּם לֵיצָנוּת פַּאר קִינְדֶער, נָאר אוֹיבּ דִי לֵיצָנוּת אִיז קֶעגְן עֲבוֹדָה זָרָה אוּן עֲבֵירוֹת, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶענְטְשְׁן וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי פֵּיאוֹת, דִי בָּארְד אוּן מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת).

שְׁטַארְק זִיךְ לִיבֶּער בְּרוּדֶער; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין אוּנְזֶער אַרְמֵיי. אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן אַרְמֵיי פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס וֶועלְן טוּן מִיט קִינְדֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם; אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן קִינְד אוּן זוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גוּטְס.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל דָא צִינְדְן פִּיר לֶעכְטְלֶעךְ, בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן בְּרִיוו פַּאר אַלֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר עֶנְק מְחַזֵק זַיין. מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועט זַיין אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַּאר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, נָאכְדֶעם ווִיל אִיךְ קוּמֶען אִין חֵדֶר.

...

## אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן דְרֵיידְוֹן דִי שָׁאטְל אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן דְרֵיידְוֹן דִי שָׁאטְל.

עֶס קֶען זַיין דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אוּמֶעטִיג בַּיים דְרֵיידְוֹן, עֶס אִיז דָא גַאנְצֶע שָׁעוֹת וָואס דוּ פָּארְסְט אַרוּם אוּן אַרוּם דִי שְׁטֶעטְל לֵיידִיג, דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ טוּסְט יָא, בַּיי מִיר טוּסְטוּ אַסַאךְ; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶס זָאל זַיין אַ שָׁאטְל פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת צוּ קֶענֶען קוּמֶען אוּן גֵיין, דוּ הֶעלְפְסְט מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל.

זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, צִינְד אָן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה; אוֹיפְ'ן שָׁאטְל קֶענְסְטוּ אָנְצִינְדְן נָאר עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים.

...

## אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן זַיין אַזַא גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵּד, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וִויל מִיט הַאלְטְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה בִּפְרָטִיּוּת אוּן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּכְלָלִיּוּת; אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

דִי יָאר "כִּתָּה א'" אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יָאר פַאר קִינְדֶער; אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם אַ קִינְד פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי עִבְרִי - בְּלַייבְּט עֶר אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ קַאלִיקֶער חַס וְשָׁלוֹם. זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג מִיט יֶעדְן קִינְד, אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גוּט קֶענֶען.

זֶע צוּ רֶעדְן צוּ הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ מוּמְחֶה אִין מְלַמְדוּת בִּכְלַל און אִין עִבְרֵי בִּפְרַט; דוּ קֶענְסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען פוּן אִים.

...

## מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פָּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. גֶעדֶענְק דַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, קִינְדֶער ווִילְן נָאר שְׁפִּילְן, און אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מַאכְן פָּאלְגְן.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט דִיר אַז דִי קִינְדֶער זָאגְן: "דִי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט מוֹרָא, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט שְׁטְרֶענְג, דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט נִישְׁט, דֶער רֶבִּי טוּט גָארְנִישְׁט"; וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ פוּן וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, און זִיכֶער נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר.

וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיךְ מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי זָאגְן; הֶער פוּן זֵיי אִינְפָארְמַאצְיֶע, הֶער צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאלְסְט נֶעמֶען דִי לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דִי לִימוּדִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת און לִיבְּשַׁאפְט וַוייטֶער זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. יֶעצְט אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעצְט נָאכְן פָּארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג; אִיךְ הָאף מָארְגְן צוּ מַאכְן אַ בַּאזוּךְ בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, דִיר מְחַזֵּק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז דִיר נִישְׁט גוֹרֵס, עֶר אִיז קַאלְט, טְרוּקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין זוּן? וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער?

חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אוֹיף אַ אִידִישׁ קִינְד עֶר אִיז אַ קַאלְטֶער, אַ טְרוּקֶענֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי אַלֶע נֶעמֶען; דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי וִוי דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט אַלֶע בְּרוּנֶעמְס וָואס דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן גֶעגְרָאבְּן, אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ גְרָאבְּן בַּיי יֶעדְן אִיד אוּן טְרֶעפְן אַ בְּרוּנֶעם וַואסֶער, מַיִם חַיִים; נִישְׁט פַארְשְׁטָאפְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אַז אַ קִינְד אִיז פַארְמַאכְט, פַארְשְׁלָאסְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריקֵייט אִין לֶעבְּן. פֶּערְצוּפַאל הַאלְט אִיךְ מִיט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, עֶר קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּב, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶרְגֶעץ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פוּן אוּנְזֶער אַרְמֵיי - זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶוער גֶענֶערַאל אוּן נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין אֵיין קִינְד בְּלַייבְּן פַארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרוּבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הַארְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב): ״מָצָאנוּ מָיִם!״ זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מִלְמְדוּת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייזֶער, דַיין חִיזוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.

...

## זִיבֶּעצִיג יָאר גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דֶער מֶענִידְזְשֶׁער, הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִיבֶּער דַיינֶע כֹּחוֹת אָנְצוּגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַּאר דִי קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין מִיט וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: ״וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט בֶּעקִיטְשֶׁעס אוּן דוּ גֵייסְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, דוּ קוּמְסְט פַארְ׳ן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה, מֶען פְרֶעגְט דִיר, וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן, אוּן דוּ עֶנְטְפֶערְסְט וְכוּ׳, וֶועט מֶען דִיר פְרֶעגְן: ׳זִיבֶּעצִיג יָאר גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?! זִיבֶּעצִיג יָאר גֶעשְׁטַאנֶען אִין קְלֵייט?!׳ אָבֶּער יֶעצְט וֶועסְטוּ זָאגְן ׳זִיבֶּעצִיג יָאר גֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער׳״.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּלַייבּ מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, בְּלַייבּ דַיין גַאנְץ לֶעבְן מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵּךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן קִינְד, גְרוֹס יֶעדְן קִינְד. דוּ קֶענְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס אֵיין שְׁמֵייכְל, אֵיין גוּט וָוארְט - טוּט מִיט אַ צְוֵוייטְן; קֶען זַיין דָאס גֶעבְּט אִים ווילְן צוּ לֶעבְן.

...

## אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ וִויל זֵייעֶר הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאף דוּ גֶעבְּסְט

זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאף דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ - אַלֶע פְּרָטִים פוּן חֵדֶר.

אוֹיךְ דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ זָאל מִיר שְׁרַייבְּן וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט מִיט; אִיךְ וִויל מִיט הַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת אִין קִרְיַת יוֹאֵל.

...

**שְׁרֵיי אוֹיס יֶעדֶע קִינְדְ׳ס נָאמֶען הוֹיךְ מִיט אַ גוּט מָארְגְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵד בְּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, אוֹיךְ אִין דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין.

מְלַמְדוּת אִיז אַ חָכְמָה, דִי חָכְמָה אִיז עֶס זָאל זַיין סַיי דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן סַיי פְרֵיילִיךְ; דִי מְלַמְדִים וָואס וַוארְפְן אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק - דִי זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוּטֶע מְלַמְדִים, אוּן דִי וָואס לָאזְן אַלֶעס אוֹיף הֶפְקֵר - דִי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מְלַמְדִים; דִי חָכְמָה אִיז בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם, סַיי פְרֵיילִיךְ אוּן סַיי דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה; אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ דִי יְשִׁיבָה, עֶס אִיז אַ לוּפְטִיגֶע מַצָב, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע יִרְאָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וֶוען דוּ דְרֵייוְוסְט זָאלְסְטוּ הַאלְטְן דַיינֶע אוֹיגְן אָפְן, קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיפְ׳ן בָּאס, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ; וֶוען דוּ זֶעסְט קִינְדֶער בֵּייגְן זִיךְ אַרָאפּ בַּיי אַ ווִינְקְל, עֶס זֶעט אוֹיס פַארְדֶעכְטִיגְט - זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְדִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד, שְׁרֵיי אוֹיס יֶעדֶע

קִינְד'ס נָאמֶען הוֹיךְ מִיט אַ "גוּט מָארְגְן!" דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אוּן וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער, וַוייל אַסַאךְ קִינְדֶער כַאפְּן אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת אוּן יְלָלוֹת פַאר זֵיי קוּמֶען אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל. בַּיי אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת שְׁטֵייט מֶען אוֹיף נָאךְ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן מֶען טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער פוּן שְׁטוּב אַזוֹי וִוי מֶען טְרַייבְּט בְּהֵמוֹת אוּן חַיּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל מִיט אַ גוּט מָארְגְן פַאר יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הָאבְּן אַזַא גוּטֶער סָאלְדַאט וִוי דִיר אִין מַיין אַרְמֵיי.

...

## אִיךְ ווִיל מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

וָואס טוּט זִיךְ פַארְטָאגְס אִין שׁוּל? עֶס זֶענֶען דָא חַבְרוּתוֹת? אִינְגֶעלַייט קוּמֶען לֶערְנֶען? עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן וֶוער עֶס קוּמְט אַלְץ לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס.

אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין שְׁטָאט; אִין שְׁטָאט אִיז דִי גָארְטְן וָואס מֶען יָאגְט (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, וִוידֶער אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען דָאךְ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ דָא יִשּׁוּב הַדַּעַת.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אַלֶעמֶען צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי, אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין אַ מָקוֹם תּוֹרָה.

...

## אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער, נֶעם זֵיי פַּאר דַיינֶע הֶעלְפֶּערְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מֶענִידְזְשֶׁער פוּן דִי מוֹסְדוֹת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען פַּארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, כֹּחַ אוּן מֹחַ; אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַּאר אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט וָואס דוּ טוּסְט פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען דִי קִינְדֶער טוּעֶן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט. דֶער קִינְד וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאסְן דִי פֶּענְסְטֶער - דָאס אִיז אַ טָעוּת; מִיר הָאבְן דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְג. זֶע מִיט חָכְמָה צוּ נֶעמֶען דִי לֶעבֶּעדִיגֶע, גֶעזוּנְטֶע, ווִילְדֶע אוּן קְלוּגֶע קִינְדֶער פַּאר הֶעלְפֶּערְס, קוֹיף זֵיי אוּנְטֶער מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָדֶער מִיט דְרֵייעֶן דִי רֶעדְל פוּנֶעם בָּאס; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיר הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶער פָּאלְגְט, זֵיי וֶועלְן דִיר שְׁטִילֶערְהֵייט דֶערְצֵיילְן אַלֶע שֶׁפִּיצְלֶעךְ וְכוּ׳.

דִי וֶועלְט זָאגְט: ״וֶוען מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם גַנָב - נֶעמְט מֶען אִים פַּארְ׳ן שׁוֹמֵר״; אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער - נֶעם זֵיי פַּאר דַיינֶע הֶעלְפֶּערְס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס.

...

## בְּרֶענְג אַרַיין אַ שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, תֵּבֵל וּמְלוֹאָהּ, שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר

תּוֹרָה (שַׁבָּת קיט:). קוּמְט אוֹיס אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט בִּזְכוּת דִיר, וַוייל אָן אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. בְּרֶענְג אַרַיין אַ שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער; דִי קְלֵיינֶע רֵיינֶע קִינְדֶער נֶעמֶען אָן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם מְלַמֵּד מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן דָאס וֶועט מִיטְגֵיין מִיט זַיי זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוּן נָאכְאַמָאל יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

## מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִין אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ אוּמְקוּקְן פַאר אַ גוּטֶער בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער, דַיין טָאכְטֶער תְּחְיֶ׳ אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב קִינְד, פוּן דִי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטְסְטֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא; עֶס קוּמְט אִיר אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, נִישְׁט גֶעכַאפְּטֶערְהֵייט; זָאג אִיר מֶען גֵייט אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ גוּטֶער בָּחוּר פַאר אִיר.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, "גָאט אִיז גְרוֹיס!" מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ, מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִין אֱמוּנָה.

...

## מֶען מַאכְט קִינְדֶער פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען, צוּ מַאכְן גֶעלְט דֶערוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ח כִּסְלֵיו, ד׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד נִישְׁט צוּ דַיין וַוייבּ פוּן אַרַיינְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער

אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, זֵי קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, זֵי וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע וֶוען דוּ רֶעדְסְט פוּן דֶעם.

אִיךְ וֵויים אַז עֶס גֵייט דִיר מַמָּשׁ אִין לֶעבְּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס אַז מֶען מַאכְט פוּן זֵיי אַ קֶעיס, מֶען מַאכְט זֵיי פַאר סְפֶּעצִיעֶלֶע קִינְדֶער, מֶען רֵייט אוֹיף דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי טוּט מֶען לֵיידֶער מִיט צֶענְדְלִיגֶער הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער, מֶען מַאכְט פוּן קִינְדֶער אַ בִּיזְנֶעס, מֶען מַאכְט זֵיי פַאר פְּרָאבְּלֶעמֶען כְּדֵי דִי שְׁטָאט זָאל גֶעבְּן גֶעלְט הַשֵּׁם יְרַחֵם. דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דַיין וַוייבּ, זֵי קֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען; זֵי הֶערְט נָאר דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מוֹסְדוֹת' - וֶוערְט זִי מַמָּשׁ צֶעדְרֵייט.

דוּ הָאסְט אֵיין בְּרֵירָה, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט בְּרוּחַ וָנֶפֶשׁ, הֶעלְף מִיר מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר בַּאשֶׁעפֶער אוּן אֱמוּנָה אִין צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן".

דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ בַּאקוּמֶען וָואס מֶען וִויל, וָואס מֶען דַארְף; תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן הֶעלְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֶעלְף דִי מוֹסְדוֹת; בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר דִי יוּגֶענְט. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ אַרְבֶּעט, אַלֶעס אִיז בַּיי מִיר אַ טָפֵל אַנְטְקֶעגְן דִי חֶדֶר אוּן מֵיידְל סְקוּל. בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר שׁוֹין מוֹסְדוֹת אִין דְרֵיי שְׁטֶעט, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין קִרְיַת יוֹאֵל אוּן אִין לִיבֶּערְטִי, נָאךְ אַבִּיסְל עֶפֶּענֶען מִיר אִין מָאנְסִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶועלְן מִיר אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיטְ'ן גִיבּוֹר גֵייעֶן אַרוּם פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, מֶען נֶעמְט אַלֶעס אַיין מִיט אֵיין כַּוָונָה, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען צוּם קֶענִיג (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).

"קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח); אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט - אִיז טַאקֶע אַזוֹי, דַארְף מֶען דָאךְ זַייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין!

...

## הֶעלְף מִיר מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אִין חֵדֶר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ טֵבֵת, ז׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

לְעֵת עַתָּה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מְנַהֵל אִין שְׁטֶעטְל, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר הֶעלְף מִיר; רֶעד מִיט דַיין בְּרוּדֶער, קוּק אוֹיבּ אַלֶעס אִיז פֵיין.

עֶר זָאגְט מִיר אַז דֶער אִינְגְל ... כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי א-ב; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז נָאךְ יוּנְג, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ וֶועג אִים יָא אוֹיסְצוּלֶערְנֶען; אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרָאפְּשְׁטֶעלְן דֶעם אִינְגְל אַ כִּתָּה, אִיךְ ווִיל פְּרוּבִּירְן אִים צוּ הַאלְטְן אִין דִי כִּתָּה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אִין חֵדֶר, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֶעס אַלֵיינְס טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פַאל פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת, אִיךְ דַארְף תַּלְמִידִים זָאלְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר אַרְבֶּעט.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

...

## מִיר זוּכְן מְלַמְּדִים וָואס טוֹיגְן צוּ קִינְדֶער, נִישְׁט צוּ דִי עֶלְטֶערְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א׳ טֵבֵת, ז׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ דֶער מְלַמֵּד פוּן דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר; אַסַאךְ עֶלְטֶערְן זָאגְן מִיר אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים לָאזְט עֶר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן, עֶר בַּאווַייזְט זִיךְ אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער. מִיר זוּכְן נִישְׁט מְלַמְּדִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן צוּ עֶלְטֶערְן, מִיר זוּכְן מְלַמְּדִים וָואס טוֹיגְן צוּ דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט כַּמָּה פְּעָמִים מִיט אִים, עֶר זָאל אוֹיסְהֶערְן אַלֶע עֶלְטֶערְן; אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל רֶעדְן צוּ אִים. עֶר אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, עֶר

אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר שְׁלָאגְט נִישְׁט, עֶר פַארְשֶׁעמְט נִישְׁט און עֶר קְלַאפְּט נִישְׁט דִי קִינְדֶער, עֶר בּוֹיט זֵיי אוֹיף; הַלְוַואי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְלַמְדִים, דִי אֵיינֶע חִסָרוֹן מַאכְט אִים נִישְׁט וֶוייניגֶער.

בִּזְכוּת דִי צְדָקָה, דִי צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט - זָאלְסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה; דוּ, דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק און זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

### בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

דִי חָשׁוּבְ׳עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ׳

נֶעמְט דִי מַתָּנָה דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים און זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח): תְּהִלִּים אִיז אַ מִשְׁעֶנֶת, אַן אָנְלַאנֶער; תְּהִלִּים הֶעלְפְּט אִין אַלֶע צַייטְן, תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְס אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בֶּעטְס אוֹיךְ פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר נַחַת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, עֶס אִיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט; דָאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

דָאס עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן: קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם - הָאט אַייךְ גוּט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין פַּאסְטְקֶע, עֶר הַאלְט אַייךְ אָן מִיט זַיינֶע צֵיין אוּן נֶעגְל, עֶר ווִיל אַייךְ נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן.

וָואס אִיז דִי פַּאסְטְקֶע? דָאס אַז אִיר הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, אִיר טְרַאכְט: ׳אִיךְ בִּין סַיי ווִי גָארְנִישְׁט׳; אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ דִי עֶרְגְסְטֶע פְרוֹי אִין שְׁטֶעטְל, אִיר הַאלְט קְלָאר אַז אִיר זֶענְט אַ פַּארְפַאלֶענֶע, דֶערִיבֶּער זֶענְט אִיר מַמְשִׁיךְ טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט קוּקְן מָאוִויס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס אִיר הָאט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אִיר זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֵּיקֶת, אִיר זֶענְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. אַז אִיר וֶועט הַאלְטְן פוּן זִיךְ וֶועט אִיר זִיךְ עֶקְלֶען צוּ קוּקְן דִי גוֹי׳שֶׁע מָאוִויס הַשֵּׁם יְרַחֵם.

שֵׁנִית, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן שׁוֹין אַפָּאר יָאר צוּרִיק אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה; אִיר זָאלְט זָאגְן דִי תְּפִלָּה וֶועט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

נָאכְאַמָאל, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; דָא הָאט אִיר דִי תְּפִלָּה:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג ווִי דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיין מַאן, עֶס זָאל זַיין נָאר לִיבְשַׁאפְט צְווִישְׁן מִיר אוּן מַיין מַאן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל

אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס, עֶס צִיט מִיר שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דָאס אָפְּלָאזְן אוּן אַיינְזֶען דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט בִּיז אַהֶער, אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ קוּקְן אוּן יֶעצְט אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דֶעם, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן".

...

## זִיכֶער מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען הַיינְט צוּ מִיר דִי עֶלְטֶערְן פוּן הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, זֵיי הָאבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט זֵייעֶר זוּן, עֶר קוּמְט אַהֵיים יֶעדְן טָאג אַיינְגֶעמַאכְט; עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דַארְף הִילְף. עֶס לִיגְט אוֹיף דִיר אַן אַחְרָיוּת צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד, אִים דֶערְמַאנֶען צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא; דַארְפְסְט דָאס מַאכְן מִיט חָכְמָה, עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, גֶעבּ אִים עֶקְסְטֶערֶע צַייט דֶערוֹיף.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע נְקוּדָה. וֶועלְן עֶלְטֶערְן קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִיר גֶעבּ זֵיי דִי הַרְגָּשָׁה אַז זֵיי זֶענֶען עֶלְטֶערְן; לָאז זֵיי אוֹיסְרֶעדְן, בַּאוַוייז זִיךְ נִישְׁט ווִי גֶעלוּנְגֶען דוּ בִּיסְט, הַאק נִישְׁט אִיבֶּער, הֶער זֵיי אוֹיס אוּן בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר זֵיי.

לָאז זִיךְ לֶערְנֶען, בִּפְרַט וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ מִיט'ן עָתִיד פוּנֶעם קִינְד; עֶר וֶוערְט דָאךְ פַארְשֶׁעמְט, אַלֶע זָאגְן עֶר שְׁטִינְקְט; וָואס קֶען עֶר טוּן? עֶר דַארְף הִילְף.

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

### אֵינוֹ דוֹמֶה אַ סֵפֶר אָן מַפְתֵּחוֹת צוּ אַ סֵפֶר מִיט מַפְתֵּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג צוּ הֶערְן פוּן דִיר וואוּ דוּ הַאלְטְסְט מִיט׳ן מַגִּיהַּ זַיין דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וויפִיל טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים, מֵיידְלֶעךְ, וַוייבְּלֶעךְ אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; דִי חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִיז וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס הֶעלְפְּט אִין יֶעדְן מַצָּב, עֶס הֶעלְפְּט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז מִיר וִויסְן וואוּ דִי בְּרִיוו, דִי סְפָרִים - הַאלְטְן. אוֹיךְ דִי מַפְתֵּחוֹת אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ עֶנְדִיגְן; אֵינוֹ דוֹמֶה אַ סֵפֶר אָן מַפְתֵּחוֹת צוּ אַ סֵפֶר מִיט מַפְתֵּחוֹת, לָאז מִיר וִויסְן וִוי דָאס הַאלְט, אִיךְ ווִיל יֶעצְט אִיבֶּערְדְרוּקְן אַלֶע אִידִישֶׁע חֲלָקִים.

דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה בְּכָל עִנְיָנִים, דוּ וֶועסְט זֶען קְלָאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן דִי בְּרִיוו - וֶועט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## אִין דִי שְׁנֵיי מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - (ג)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וִויסְן פוּן זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם.

קִינְדֶער, וֶוער גֶעדֶענְקְט וואוּ מִיר הַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה?

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין אוּן קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר. דֶער רֶבִּי'ס שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט בַּיי זִיךְ אַ גַאסְט אַ צַדִיק, אוּן יֶענֶער צַדִיק זֶעט אַז דֶער רֶבִּי לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי, דֶער צַדִיק נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַ זַייט אוּן זָאגְט אִים מוּסָר: "דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט?! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ! דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דַיין שְׁוֶוער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַדָן, אַסַאךְ גֶעלְט בַּיי דַיין חֲתוּנָה – אוּן דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט! דוּ הָאסְט שׁוֹין אֲפִילוּ פַארְגֶעסְן דִי עִבְרֵי!״ עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט.

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער:

דֶער צַדִיק דֶער גַאסְט וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן צְוֵויי פֶּעטְשׁ גְרֵייט זִיךְ אַהֵיים צוּ פָארְן, עֶר פָארְט אַרוֹיס פוּן הוּסְיַאטִין, עֶר זִיצְט אִין וָואגְן אוּן עֶפֶּעס הֶערְט עֶר, עֶר בֶּעט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי וָואגְן, עֶר הֶערְט אֵיינֶעם וֵויינֶען, דֶער בַּעַל עֲגָלָה וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר שְׁטֶעלְט אָפּ דִי וָואגְן.

זֵיי הֶערְן בֵּיידֶע אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, אַ זִיסֶע קוֹל; זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן גֵייעֶן נָאךְ דֶעם קוֹל, דֶער צַדִיק זָאגְט פַארְ׳ן בַּעַל עֲגָלָה: ״עֶס הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל ווִי אֵיינֶער דַאוֶונְט״, פְלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַ אִיד אִין וַואלְד אָנְגֶעטוּן מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין דַאוֶונְט מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פְלַאקֶער; דֶער אִיד וֵויינְט, דֶער אִיד בֶּענְקְט, דֶער אִיד זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן פְּסוּקֵי דְּזִמְרָה מִיט אַזָא הַארְצִיגְקֵייט.



"כִּי טוֹב ה', שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר!"

דֶער צַדִּיק וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט חַלָּשְׁ'ן, עֶר דֶערְקֶענְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר שְׁרֵייט: "אוֹי, וֵויי אִיז מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צְוֵויי פֶּעטְשׁ?!?!" עֶר כַאפְּט שׁוֹין וָואס גֵייט פָּאר, דָאס אִיז דֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֶפְרָיִם'ס אֵיידֶעם, דֶער אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, עֶכְט אִיז עֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק! עֶר וֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן: "זַיי מִיר מוֹחֵל, פַארְגֶעבּ מִיר!"

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: ״אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ נָאר אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ, וָואס דוּ הָאסְט דָא גֶעזֶען...״

(מִיר וַוייסְן דִי מַעֲשֶׂה ווַייל דֶער צַדִיק הָאט גֶעלֶעבְּט לֶענְגֶער פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי חַייקְל, דֶער חַזָן פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה).

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס - וֶועלְן מִיר וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
ספר
עצתו אמונה
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com